אין אידיש
גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו
במדבר - חג השבועות תשפ"ה / גליון קל"ד

0722 531 385

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין איראפע
033.0551.7811
ספעציעלע שיעורים
הכנה צו שבועות
אויף נומער 1 / אוצר אין נומער 30

הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (שמות)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | והנה כתיב כי יקרא |
| שני | יו"ט ראשון |
| שלישי | יו"ט שני |
| רביעי | ויש שני בחינות קטנות |
| חמישי | וזהו כי יקרא קן צפור<br>עד ד"ה ובשני בחינות אלו |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# עת דודים

## מען הערט די קריאה פון 'עשרת הדברות' מיט א קאך און ברען, דערנאך קומט דער קלימאקס ביי 'קדושת כתר', און נאכדעם? וואס איז יעצט?

"עס גייט מיר נישט אריין אין קאפ, וואס איז יעצט די מילכיגע סעודה דא?", האט זיך איינער פון די חבורה אויסגערעדט זיין הארץ פארן חבר, "שוין זיבן וואכן וואס מען גרייט זיך צו אט דער מינוט, מען ציילט ספירה און מען ארבעט זיך אויס די מדות מיט א קדושה און טהרה.

"ענדליך קומט שוין אָן דער יום טוב שבועות ווען יעדער איז אזוי דערהויבן און הייליג, מען פראוועט די הייליגע נאכט מיט 'תיקון ליל שבועות', מען רעדט נישט אויס ביז נאך 'כתר', כדי נישט צו אפהאקן אינמיטן דעם 'יחוד' - ווי דער הייליגער בעל שם טוב האט געזאגט, מען זאגט די 'אקדמות' מיט הרגשי אהבה; ווי די ספרים רופן עס אָן 'שיר של חשק', מען הערט די קריאה פון 'עשרת הדברות' מיט א קאך און ברען, דערנאך קומט דער קלימאקס ביי 'קדושת כתר', און נאכדעם? וואס איז יעצט? מען פאלט אריין אין די בלינצעס און קרעפלעך... דער עולם ווערט אזוי רואיג און לויז, און עס שפירט זיך כאילו אזא פורים'דיגער לייכטקייט אין הארץ. וואו איז פלוצלינג פארשוואונדן געווארן די ערנסטקייט וואס מיר האבן געארבעט דערויף זיבן וואכן?".

"דו האסט עס זייער שיין אראפגעלייגט", ענטפערט אים דער חבר - אָן זיך באציען צו זיין עצם שאלה, "דו האסט אראפגעלייגט פונקטליך וויאזוי עס זעט אויס אן עכטע חתונה. צו א חתונה גרייט מען זיך א לאנגע תקופה מיט ענדלאזע הכנות, מען מוטשעט זיך און מען פלאגט זיך אנצוגרייטן אלע צרכי החתונה, מען ווארט און מען לעכצט אז די חתונה נאכט זאל שוין אנקומען. ווי נענטער עס ווערט צו דער חתונה - אלץ מער ווערט די לופט ערנסטער און אנגעצויגן! ווען די חתונה זעלבסט קומט אָן, הייבט מען אָן צו וויינען און פארגיסן טרערן.

"אבער ווי נאר די חתונה קומט צו איר קלימאקס, ווי נאר די גלאז אונטער די חופה גיבט זיך א צוברעך - ברעכט אויס א שמחה! אפגערעדט נאכן חתונה, ווען דער חתן און כלה זעצן פאר צו לעבן זייער לעבן אינאיינעם באהבה ואחוה שלום וריעות, דארט איז נישטא קיין אנגעצויגנקייט און נישט קיין וויינען, נאר א הארמאניע פון רואיגקייט און פרייליכקייט הערשט אין שטוב. און אט דאס איז געווען די האפענונג און ווונטש פון אלע הכנות פון פריער. די אנגעצויגנקייט פון פריער איז געווען בלויז, צוליב זארג צי עס וועט זיך טאקע אויסארבעטן צו זיין אן עכטע און אייביגע שמחה.

"אט אזוי שפילט זיך אפ יום טוב שבועות, דער האפענונג פון אלע ספירה טעג איז, אנצוקומען צו דעם מורא'דיגן יחוד - וועלכע ווערט פארטיג ביי קדושת כתר. נאר זעלבסט פארשטענדליך, אז עס ענדיגט זיך נישט ביי דעם, נאר דאס איז בלויז דער אנהייב, וואס פון דעמאלט הייבט זיך אָן די גרויסע און אייביגע שמחה וועלכע וועט זיך קיינמאל נישט ענדיגן. דוקא נאכדעם וואס דער איד האט זוכה געווען זיך מייחד צו זיין בשלימות מיטן אויבערשטן - דעמאלט איז דער צייט זיך אוועקצוזעצן מיט א רואיגקייט און זיך אנהייבן פרייען מיט א געוואלדיגע און ענדלאזע שמחה, אויף דעם וואס ער איז איינס מיטן אויבערשטן.

## דער עיקר שמחה פון שבועות

דער 'עבודת ישראל' (לחג השבועות) מאלט אויס לעבעדיג, וויאזוי דער יום טוב שבועות איז דער 'חתונה טאג', ווען דורכאויס די אלע ספירה טעג גרייט מען זיך מיט א תשוקה צו דער גרויסער חתונה:

**"בְּפָרָשַׁת אֱמֹר (ויקרא כג, טו) 'וּסְפַרְתֶּם לָכֶם' וְגוֹ' עַד 'תִּסְפְּרוּ חֲמִשִּׁים יוֹם'. וְהִנֵּה עַל לָשׁוֹן 'חֲמִשִּׁים יוֹם' כָּתַב רַשִׁ"י שֶׁהוּא מִקְרָא מְסֹרָס, וְהָכִי פֵּרוּשׁוֹ 'עַד חֲמִשִּׁים יוֹם' - שֶׁהוּא יוֹם חֲמִשִּׁים וְלֹא עַד בִּכְלָל, 'תִּסְפְּרוּ', עַיֵּן שָׁם.**

**וְאֶפְשָׁר לוֹמַר כִּי מִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹהַּ, כְּמוֹ שֶׁקּוֹבְעִים זְמַן חֲתֻנָּה בְּיוֹם שֶׁנִּדְבְּרוּ וְהִתְנוּ הַתְּנָאִים, וְאִם הַכַּלָּה חֲבִיבָה עַל הֶחָתָן וְכֵן הֶחָתָן עַל הַכַּלָּה, הֵם סוֹפְרִים וּמְחַשְּׁבִים יוֹם יוֹם מָתַי יַגִּיעַ עֵת דּוֹדִים לְהִתְעַלֵּס בָּאֲהָבִים וִיקַוּוּ וִיחַלּוּ לָעֵת כִּי בָא מוֹעֵד, וְאָז מִדֶּרֶךְ לַחֲשֹׁב גַּם כֵּן הַיּוֹם הַמֻּגְבָּל אֲשֶׁר בּוֹ בְּעַצְמוֹ יִהְיֶה שִׂמְחַת הַנִּשּׂוּאִין, כֵּיוָן שֶׁהֵם מְצַפִּים וּמְחַכִּים עַד שִׂמְחָתָם בַּחֲצִי הַיּוֹם אוֹ בָּעֶרֶב כִּי אָז יִהְיֶה עִקַּר הַשִּׂמְחָה.**

**וּבְכֵן נֵיחָא, שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה רָמְזָה לָנוּ בְּחִבַּת הַקֹּדֶשׁ שֶׁבֵּינֵינוּ לְיוֹצְרֵנוּ, הֲגַם שֶׁאָנוּ מוֹנִין שִׁבְעָה שָׁבוּעוֹת בְּסוֹד טַהֲרַת הָאִשָּׁה לְבַעֲלָהּ כַּנּוֹדָע מִזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ, עִקַּר הַסְּפִירָה וְהַתּוֹחֶלֶת הַיּוֹם לַיּוֹם הַחֲמִשִּׁים וְהוּא יוֹם שִׂמְחַת הַנִּשּׂוּאִין וְהַיִּחוּד. וְלָזֶה אָמַר 'תִּסְפְּרוּ חֲמִשִּׁים יוֹם', כִּי אֵין הָעִנְיָן נִגְמַר רַק בִּקְדֻשַּׁת 'כֶּתֶר' שֶׁאָנוּ מַמְשִׁיכִים מֵעוֹלָם הַדִּקְנָא, עַל פִּי קְדֻשַּׁת הַלַּיְלָה בַּתּוֹרָה כַּנּוֹדָע".**

מען דארף גארנישט צולייגן. די הייליגע ווערטער פלאמען אויף די אידישע נשמה צו דער מצוה פון 'ספירת העומר', אז דער מענטש זאל געדענקען וויאזוי יעדער טאג פון די ספירה איז בלויז אן אויסקוק און לעכצעניש אויף דער גרויסער חתונה און 'יחוד' פון יום טוב שבועות.

מיר האלטן שוין אבער יעצט נאכן ציילן ספירה, מיר טרעטן שוין אט אט אריין אינעם יום טוב זעלבסט. נו, איז אודאי, אז די דאזיגע ווערטער האבן א כח אויפצופלאמען אונזער הארץ צו לעבן ליכטיג מיט די דאזיגע מינוטן. ווייל מיר דערהערן דא, אז יעצט זענען מיר אנגעקומען צום ציל וואו מיר האבן געצילט! זיבן וואכן האבן מיר משתוקק געווען צו אט דער שמחה און יחוד, און יעצט, ווען מיר זענען אנגעקומען צו אט דעם ליכטיגן טאג - איז טאקע דער עיקר נקודה די 'שמחה', וואס מיר פרייען זיך מיטן אויבערשטן, ווייל אט צו דעם איז געווען אונזער הכנה און ערנסטקייט ביז אהער.

## דער אויבערשטער גרייסט זיך מיט אונז

נאכמער - איז דער 'עבודת ישראל' מסביר, וואס עס איז דער אינערליכער מהות פון דער דאזיגער חתונה.

עס איז באקאנט, אז אפילו טאמער א איד איז חס ושלום ליידיג און פראסט, ער איז נעבעך זייער נידריג און פארזונקען אין שטותים - האט אים אבער דער אויבערשטער נאכאלץ ליב אָן קיין שיעור. ווייל דער קשר צווישן דעם אויבערשטן מיטן איד איז אן עצמיות'דיגער קשר וועלכער ווערט קיינמאל נישט אפגעהאקט. אבער שבועות - זאגט דער עבודת ישראל - איז פארהאן נאך א גרעסערע שמחה פון דעם. ווייל שבועות ווערט אנטפלעקט, אז יעדער איד איז נישט בלויז באליבט, נאר אויך שיין! שבועות שווימט ארויס די אמת'ע פאקטן, אז דער איד איז א 'כלה נאה וחסודה'! אידן האבן הערליכע מעשים, זיי פארמאגן פרעכטיגע זיטן און מדות, זיי זענען באצירט מיט פיר-און-צוואנציג גאר שיינע צירונגען פון די הייליגע תורה, און דער אויבערשטער איז נישט בלויז זיך מתענג מיט דער באהאלטענער פינטעלע איד, נאר ער קוקט אָן דעם איד מיט אלע זיינע הערליכע שיינקייטן, און האט א פארגעניגן פון אים.

**שבועות ווערט אנטפלעקט, אז יעדער איד איז נישט בלויז באליבט, נאר אויך שיין! שבועות שווימט ארויס די אמת'ע פאקטן, אז דער איד איז א 'כלה נאה וחסודה'!**

אט די נקודה ברענגט אראפ און עפנט אויף דעם העכסטן פלאץ אויבן - וועלכע רופט זיך אין קבלה 'ספירת הכתר הקשורה לדיקנא'. ווייל 'כתר' איז 'רצון'. דער גרעסטער שלימות פונעם אויבערשטנ'ס רצון - וואס פאר דעם האט ער באשאפן אלע עולמות - איז, אז זיינע קינדער, זאלן זיין שיין און הערליך, זיי זאלן אנקומען צום העכסטן שלימות און דביקות. ריכטיג טאקע, אז דער 'קשר נצחי' צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן איז אלעמאל אקטיוו - אפילו אויב אידן זענען חס ושלום נישט בשלימות, אבער דער 'רצון' וואס דער אויבערשטער וויל איז, אז אידן זאלן זיין אויפן העכסטן שטאפל פון שיינקייט

המשך אין עמוד ב

# ויחן שם ישראל

## פארוואס איז אחדות און אהבת ישראל א הכנה צו מתן תורה? • און פארוואס ברענגט די הכנה צו מתן תורה צו אחדות און אהבת ישראל, וויאזוי ארבעט עס?

**משפיע:** וואס איז נייעס, אברהם יצחק?

**אברהם יצחק:** נייעס? ס'קומט שוין שבועות!

**משפיע:** נישט פשוט, מ'דארף זיך צוגרייטן דערצו.

**אברהם יצחק:** מ'דארף אריינגיין אין 'מצב' פון קבלת התורה.

**משפיע:** פון וואו זאל מען אנהייבן, האסט א געדאנק?

**אברהם יצחק:** דער אמת איז א מיר האלטן אינמיטן די סוגיא פון אהבת חברים, און ס'איז דא אפאר נקודות וואס מיר זענען נאכנישט געווען קלאר. אבער יעצט מוז מען רעדן פון שבועות.

**משפיע:** קוק, איינס פון די גרעסטע הכנות צו מתן תורה, איז אחדות און אהבת ישראל. אזוי ווי חז"ל זאגן אויפן פסוק "ויחן שם ישראל" - כאיש אחד בלב אחד. דאס זאגט אונז אז דאס איז א חלק פון מתן תורה, און אן דעם איז נישט שייך צו מקבל זיין די תורה.

**אברהם יצחק:** טאקע, מ'זעט אז די אידן זענען דעמאלטס געווען מורא'דיג מאוחד. אבער אן דעם קען מען נישט מקבל זיין די תורה?

**משפיע:** אוודאי. די תורה דערציילט אונז נישט סתם מעשיות, יעדע זאך וואס ס'שטייט אין די תורה איז א לימוד פאר אונז. ווען די תורה זאגט אז די אידן זענען געווען מאוחד פארן מקבל זיין די תורה, איז עס נישט אבי א געשעעניש, נאר ס'דארף אונז אויסלערנען אז אחדות איז א טייל פון די מהות פון קבלת התורה.

און אויך אז בכלל לימוד התורה און בפרט קבלת התורה יעצט שבועות, ווענדט זיך אין ווי שטארק מ'איז מאוחד און מ'האט ליב אנדערע אידן. ס'שטייט אין אסאך חסיד'ישע ספרים, אז דאס איז א תנאי צו קענען זוכה זיין צום אור התורה. ס'איז באקאנט פון אור החיים הק' אין פרשת יתרו, וואס איז מבאר "דריי עיקר הכנות צו קבלת התורה, וואס א דאנק זיי האט זיך דער אויבערשטער באוויליגט אונז צו געבן זיין הייליגע תורה", און די דריטע תנאי איז אחדות און אהבת חברים. ס'איז בעסער אז זאלסט אליינס אריינקוקן אין ספר.

> און אויך אז בכלל לימוד התורה און בפרט קבלת התורה יעצט שבועות, ווענדט זיך אין ווי שטארק מ'איז מאוחד און מ'האט ליב אנדערע אידן. דאס איז א תנאי צו קענען זוכה זיין צום אור התורה

### מ'רעדט און מ'רעדט, ביז ס'טוט אויף...

**אברהם יצחק:** פשי, הייסט עס אז די לעצטע פאר שמועסן איבער אהבת חברים, איז באמת געווען א הכנה צו קבלת התורה. נו, אויב אזוי קען מען ממשיך זיין דערמיט...

**משפיע:** טאקע. אלץ מער מ'וועט ווערן קלאר דערין און מצליח זיין עס צו מקיים זיין, וועט מען קענען בעסער מקבל זיין די תורה.

**אברהם יצחק:** אה, 'עס מקיים זיין' - כ'האב געוואלט רעדן טאקע דערויף. מיר האבן ביז יעצט גערעדט שיינע און קלארע זאכן, אבער ווען ס'קומט עס אויסצופירן, זעה איך נישט ווי כ'זאל זיך רוקן ערגעץ... מיטאמאל האב איך איינגעזען אז כ'בין זייער נישט אויסגעהאלטן דערין, כ'האב אן א שיעור קריטיק אויף אלע בחורים; כ'קוק אראפ די בחורים וואס זענען שוואכער ווי מיר, און כ'מאך אוועק די בחורים וואס זענען חשוב'ער ווי מיר... וויאזוי קריכט מען ארויס דערפון?

**משפיע:** קודם כל, מ'קען נישט איבערדרייען די מחשבות פון איין סעקונדע צום צווייטן, ס'איז נישטא קיין קנעפל וואס מ'דרוקט... נאר וואס? די מציאות איז, אז וואס מער מ'רעדט און מ'טראכט דערפון, טוט מען זיך אויטאמאטיש פאראויס רוקן. ס'איז משפיע אויפן הארץ און אויף די בליק. ס'איז באקאנט אז דאס איז איינס פון די מעלות פון לערנען מוסר; דאס עצם לערנען העלפט אויסצוהיילן די מידות, ווייל ס'שטעלט אפ דעם מענטש און מאכט אים טראכטן וואס זיינע מחשבות און געפילן זענען, און ס'טרייבט אים צו טוישן און פארבעסערן זיינע געוואוינהייטן.

**אברהם יצחק:** איז גייען מיר אויפן גוטן וועג...?

**משפיע:** אוודאי, און כ'וועל דיר זאגן נאך מער: אויב דו וועסט אריינטראכטן וועסטו זען, אז האסט אפילו ביז יעצט געמאכט א שינוי לטובה! ס'קען זיין אז דו האסט נישט באמערקט, אבער ס'איז נישט קיין שאלה אז אונזערע לעצטע פאר שמועסן דערוועגן, האבן אויפגעטון גוטע זאכן.

**אברהם יצחק:** כ'האף אז ס'איז טאקע אזוי...

**משפיע:** לאמיר יעצט זען וויאזוי ס'האט א שייכות מיט קבלת התורה. כ'האב דיר פריער נאכגעזאגט פון אור החיים הק', אז ס'איז א תנאי פאר קבלת התורה. לאמיר יעצט צולייגן א נקודה דערויף, ס'איז נישט נאר א הכנה אויף קבלת התורה, נאר קבלת התורה העלפט אנצוקומען צו אהבת חברים! קבלת התורה איז משפיע, אז מיר זאלן קענען אנקומען צו א העכערע דרגה אין אחדות.

**אברהם יצחק:** דאס איז שוין א חידוש. דער אמת איז, אז כ'האב נאכנישט געהעריג פארשטאנען די ערשטע חלק - וויאזוי אהבת חברים איז א הכנה צו קבלת התורה, כאטש כ'האב עס שוין געהערט אפאר מאל. און יעצט קומט מען מיט נאך א חידוש, אז ס'גייט אויך פארקערט; קבלת התורה ברענגט אהבת חברים... וויאזוי ארבעט די זאכן?

### י'ש ש'שים ר'בוא א'ותיות ל'תורה

**משפיע:** ביסט גערעכט. לאמיר גיין שטאטליך. אהבת חברים איז א תנאי און א הכנה צו קבלת התורה. פארוואס? ווייל, יעדער איד האט א חלק אין די תורה וואס איז נאר פאר אים, אזוי ווי ס'איז באקאנט אז ס'איז דא זעקס הונדערט טויזנט אותיות אין די תורה, וואס זענען אנטקעגן די זעקס הונדערט טויזנט נשמות ישראל. דעריבער איז דאס ווארט 'ישראל' ראשי תיבות יש ששים ריבוא אותיות לתורה. קומט אויס אז אויב מ'וויל ריכטיג מקבל זיין די תורה בשלימות, דארף מען זיך מאחד זיין מיט אלע נשמות ישראל, ווייל יעדער אות געפינט זיך ביי אן אנדערן. און די גאנצע מושג פון 'תורה', איז נאר ווען גאנץ כלל ישראל איז ממש פאראייניגט.

**אברהם יצחק:** איך כאפ נישט; פארוואס קען איך נישט מקבל זיין מיין חלק אין די תורה, און אויך דעם וואס יענער זאל מקבל זיין זיין'ס?

**משפיע:** פרוביר טראכטן. א ווארט פאר זיך האט א באדייט? א מענטש וואס באשליסט אז ס'איז אים גוט איין אות אין די תורה, האט נישט קיין שום משמעות דערין. די תורה איז צוזאמגעשטעלט פון רמ"ח מצוות עשה, שס"ה מצוות לא תעשה, נ"ג פרשיות א"ו. ס'הייסט נישט קיין 'תורה' ווילאנג ס'איז נישט בשלימות, ווען ס'פעלט אפילו איין אות דערפון - איז עס פסול. נאר וואס? נאכדעם וואס די תורה איז גאנץ מיט אלע אירע אותיות, באקומט יעדע אות און חלק פון די תורה א ספעציעלע חשיבות, זייענדיג א חלק פון דעם אויבערשטנ'ס שלימות'דיגע תורה. דעריבער איז פשוט, אז ווען מ'וויל מקבל זיין די תורה דארף מען מקבל זיין די 'גאנצע' תורה. וואס פאר דעם, דארף מען זיך מתאחד זיין מיט כלל ישראל.

**אברהם יצחק:** נאכאמאל; אויב אן אות פאר זיך האט נישט קיין משמעות, פארוואס זאגט מען אז ס'איז אזוי חשוב?

**משפיע:** אן אות פאר זיך האט טאקע נישט קיין מעלה, אבער ווען אלע אותיות זענען צוזאמען, טוט יעדע אות צוגעבן א חלק צו די תורה וואס נאר ער קען. יעדער איד געבט זיין חלק פרטי אין כלל ישראל, און נאר ער האט די כח צו ארויסברענגען די

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

און פרעכטיגקייט. און אט דער נקודה שיינט שבועות, ווען אידישע קינדער האבן זיך געהייליגט זיבן וואכן, און זענען אנגעקומען צום יום טוב ריין און הייליג, ליכטיג און פרעכטיג, שיין און זיס.

און אזוי שרייבט דער עבודת ישראל: "וְאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה כִּי בְּמַתַּן תּוֹרָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נִדְמֶה כְּזָקֵן, מֵחֲמַת שֶׁבָּזֶה הַיּוֹם מִתְיַחֲדִים הָעוֹלָמוֹת וְנִמְשָׁךְ הַכֶּתֶר מֵהֲדִיקְנָא לְחַי עוֹלָמִים כַּנּוֹדָע, פֵּרוּשׁ, כֵּיוָן שֶׁבְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִתְקַדְּשִׁים וּמִתְטַהֲרִים בָּרֶגֶל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, מִתְפָּאֵר בָּנוּ יוֹצְרֵנוּ, כְּלוֹמַר זֶה הָעִנְיָן שֶׁעָלָה בִּרְצוֹנוֹ לִבְרֹא הָעוֹלָם בִּשְׁבִיל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וּבְכֵן נַעֲשָׂה כִּרְצוֹנוֹ שֶׁהֵם עוֹבְדִים אוֹתוֹ כָּרָאוּי".

יום טוב שבועות איז א צייט, וואס דער אויבערשטער בארימט זיך און האלט זיך גרויס מיט אונז. ער זעט אונז מיט אונזערע מעלות, און פריידט זיך אז ער האט אויסגעפירט דאס וואס ער האט געוואלט ביים באשאפן די וועלט. און דאס איז דער 'אור הכתר' - 'רצון'. אט דאס איז די גרויסע שמחה פון דער הייליגער חתונה, ווען דער הייליגער חתן זעט ווי זיין הייליגע כלה איז טאקע א 'כלה נאה וחסודה', א מושלמת מיט אלע מעלות, און זיין ערווארטונג און ווארטעניש צו דער חתונה - האט זיך אויסגעצאלט און אויסגעארבעט אויף הונדערט פראצענט.

זעלבסט פארשטענדליך: ווען מיר, אלס כלה, ווייסן און גלייבן מיט א זיכערקייט, אז דער אויבערשטער בארימט זיך און גרויסט זיך מיט אונז - איז נישטא קיין גליקליכערע ווי אונז! מיר זענען פרייליך ביז גאר! מיר קוועלן פון הנאה, אז דער אויבערשטער האט צו אונז א ליבשאפט אָן קיין עק. אשרינו.

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י

ברכת מזל טוב
שלוחה בזה לידידנו הנכבד מסור למען זיכוי הרבים
הרה"ח ר' מרדכי אלעזר בויער שליט"א
לרגל שמחת החלאקה לבנו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנו רוב נחת דקדושה

חלק אין די תורה.

לאמיר איבערזאגן די משל פון פאריגע וואך וועסטו עס בעסער פארשטיין. א ריזיגע, קאמפליצירטע מאשין וואס איז צוזאמגעשטעלט פון מערערע קלענערע באשטאנדטיילן, און יעדע חלק איז וויכטיג כדי די גרעסערע מאשין זאל קענען פונקציאנירן. אפילו די קלענסטע שרויף, וואס איז כמעט גארנישט ווערד פאר זיך, ס'מאכט ניטאמאל די עיקר ארבעט פון דער מאשין, איז אבער איינמאל וויכטיג פאר די 'שלימות' פון די מאשין. ס'איז נישט נאר וויכטיג, נאר אויב ס'פעלט, קען די גאנצע מאשין מער נישט ארבעטן! קומט אויס אז די שרויף איז מורא'דיג חשוב, אבער נאר ווען זי שטעלט זיך צוזאם מיט די גרעסערע מאשין.

**די זעלבע איז ביי אונז:** א מענטש וואס איז זיך אליינס מקבל די תורה און זוכט נישט צו זיין מאוחד מיט כלל ישראל - איז נישט קיין סאך ווערד, ווייל ער האט טאקע זיין אייגנארטיגע עבודה, אבער פארט, אן אות פאר זיך קען גארנישט אויפטון! נאר ווען מ'גייט צו צו קבלת התורה מיט אן אחדות, מ'איז זיך מצרף מיט כללות נשמות ישראל, קען מען מקבל זיין די תורה. דווקא דעמאלטס, ווערט ארויסגעברענגט די מורא'דיגע חשיבות פון יעדנ'ס חלק פרטי, ווייל אט די גרויסע הייליגע תורה וואלט געווען פסול, ווען די איין אות פעלט! אבער פאר אלעס, דארף מען זיין מאוחד.

**אברהם יצחק:** אקעי, כ'האב פארשטאנען די ערשטע נקודה. אהבת חברים איז א וויכטיגע הכנה צו קבלת התורה, ווייל כדי צו ריכטיג מקבל זיין די תורה דארף מען זיין מאוחד מיט אידן.

**משפיע:** כ'האף אז האסט עס גוט פארשטאנען, ווייל כ'וויל נאך צולייגן איין נקודה: ס'איז נישט גענוג אז יעדער קומט זיך צוזאם צו מקבל זיין די תורה, און דעמאלטס האט מען אלע אותיות התורה. נאר מ'דארף זיך מחבר זיין צוזאמען; פונקט ווי מ'קען נישט אויפשרייבן אלע אותיות פון א ספר תורה אויף מערערע שטיקלעך פארמעט, נאר אלע אותיות דארפן זיין אויף איין באהאפטענע ספר תורה - אזוי אויך כלל ישראל, ס'איז נישט גענוג אז יעדער איז דא צו מקבל זיין די תורה, נאר מ'דארף זיין באמת מחובר אזויווי איינס. וואס איז אונז מחבר צוזאם? ווען מ'האט זיך ליב. ווען מ'גייט צו צום הר סיני "כאיש אחד בלב אחד", מ'האט זיך ליב ווי גלייך מ'איז איין מענטש - קען מען מקבל זיין די תורה.

**אברהם יצחק:** זייער קלאר. כ'מיין אז מ'קען גיין צו די צווייטע, פארקערטע נקודה; קבלת התורה האט א כח צו מאחד זיין אידן. וויאזוי?

## לאז די נשמה ארויסלייכטן

**משפיע:** לאמיר אנהייבן מיט א פארקערטע שאלה: וועלכע זאך קען אונז מאכן צו ליב האבן איינער דעם אנדערן? כאפסט אז ס'שטייט נישט דא אז מ'דארף זיך ליב האבן, נאר מ'דארף זיין ממש 'כאיש אחד'! ס'איז א מורא'דיגע דרגה פון אהבת ישראל, די גרעסטע מאס ליבשאפט צו אנדערע אידן, אזויווי רבי איציקל פון ווארקא האט געזאגט אויפן פסוק "ויחן שם ישראל", אז 'ויחן' איז א לשון פון 'חן', מיינענדיג אז יעדער אידנ'ס עבודה האט געטראפן 'חן' אין אנדערע אידנ'ס אויגן. דאס איז אויסטערלישע אהבת ישראל! נו, וויאזוי קומט מען אן דערצו?

**אברהם יצחק:** עה...

**משפיע:** די סיבה פארוואס כ'פרעג דיר די שאלה, איז נישט סתם צו חוקר זיין וואס די אידן האבן דעמאלטס געטון, נאר ס'איז אונז פונקט אזוי וויכטיג היינטיגע צייטן. אזויווי מיר האבן גערעדט; ס'איז נישטא קיין 'פאטענט' אנצוהייבן פלוצלונג זען יענעמ'ס מעלות און ליב האבן יעדן איינעם. מ'קען אסאך טראכטן און רעדן דערוועגן, און דאס קען העלפן. אבער ס'איז דא א מורא'דיג ווירקזאמע עצה דערצו, דאס איז, די קדושה און 'כח הסגולה' פון די הייליגע טעג פון קבלת התורה! פונקט ווי די מורא'דיגע קדושה און זיכוך וואס האט דערלויכטן די אידן בשעת מעמד הר סיני, האט זיי אריינגעברענגט אן אויסטערלישע ליבשאפט איינער צום צווייטן - אזוי אויך בזמנינו, אזויווי ס'איז באקאנט פון צדיקים, אז אין דעם טאג ווערט יעדעס מאל פריש באנייט די הארה פון מעמד הר סיני, און מ'קען זוכה זיין צו מורא'דיג נתעלה ווערן אין דעם ענין.

**אברהם יצחק:** די זיכוך פון מעמד הר סיני, האט גורם געווען אהבת ישראל, וויאזוי?

**משפיע:** די לשון הגמרא איז (שבת קמו.), "ישראל שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן". דער עצם שטיין ביים בארג סיני, דאס מיינט, דאס אז די אידן זענען געווען גרייט צו מקבל זיין די תורה, מצוות און עול מלכות שמים אויף זיך - דאס אליינס האט משפיע געווען א מורא'דיגע קדושה אויף זיי, ס'האט אוועקגענומען די זוהמה און גשמיות פון זייער גוף, און אזוי האט זייער נשמה געקענט ארויסלייכטן.

דער ענין איז דער שורש פון אהבת ישראל, ווייל יעדע פירוד צווישן מענטשן קומט נאר מצד דעם גוף, וויבאלד יעדער האט זיך זיין פריוואטע גוף און לעבט דערמיט ווי אן אייגענע מציאות. אבער מצד אונזערע נשמות זענען מיר איין מענטש, איין גרויסע יצירה ווי געזעדט פריערדיגע וואך. דעריבער, יעדער פון אונז, וואס איז צוזאמגעשטעלט פון א גוף און נשמה, האט מחשבות פון שנאת הבריות און ריחוק פון צו אנדערע. דאס קומט פון דעם גוף, אבער ווען מ'איז מבטל די כח פונעם גוף און מ'לייכט אויף די נשמה אין זיך, זעט מען מער נישט קיין גרעסערע מעלה אין זיך ווי אנדערע, נאר מ'זעט א 'חן' אין יעדנ'ס עבודה. ווייל מ'שפירט בחוש ווי ער איז א חלק פונעם גאנצן כלל. מיר זענען אן 'איש אחד', און דערפאר זענען מיר א 'לב אחד'.

צו דעם אלעס זענען מיר זוכה אין דעם הייליגן טאג. זאל דער אויבערשטער העלפן אז מ'זאל זוכה זיין צו אלע ברכות און קדושות פון דעם יום טוב.

**אברהם יצחק:** אמן. מורא'דיג קלאר. א גרויסן יישר כח!

### פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**פארוואס זאגט מען 'מתן תורתינו' און נישט 'קבלת תורתינו', ווייל נתינת התורה איז געווען דעמאלטס, אבער 'קבלת' התורה איז יעדע סמאל ווען א איד איז מחליט צו מקבל זיין די תורה, איז ער זוכה דערצו.**

הרה"ק מקאצק זי"ע

# דאס חסיד'ישע לעבן

## גרעסער ווי אלע מופתים

ס'איז שוין א האלבע יאר וואס ער געפינט זיך צווישן די ווענט אין בית המדרש פונעם אור שבעת הימים דער בעל שם טוב הק' זי"ע, וואו ער און איז עוסק בתורה, און פירט זיך בפרישות און אן א שיעור סיגופים.

די תלמידים האבן אים געקענט אלס רבי יעקב יוסף כ"ץ, געוועזענער רב פון שאריגראד אין פאדאליע, א גאון עצום וואס איז געקומען דערגיין דעם אור אין מעזיבוז'.

רבי יעקב יוסף איז זיך מתבודד אין זיין תורה ועבודה, און דרייט זיך פארקאכט אינעם הייליגן בית המדרש. ער האט דא שוין געזען אפענע רוח הקודש, מופתים און אפילו תחיית המתים.

יעצט האט ער באשלאסן אז ס'איז געקומען די צייט אהיימצוגיין.

נאר אפאר טעג פריער, האט ער אליינס בייגעוואוינט א מופת פון תחיית המתים. ס'איז געווען ווען א דארפישער איד איז געקומען צום בעש"ט הק', און געוויינט אויף זיין קראנקע טאכטער אויף וועמען די דאקטוירים האבן אויפגעגעבן האפענונג.

דער בעש"ט האט אים בארואיגט אז זיין טאכטער וועט האבן א רפואה, און אז ער זאל אהיימפארן נאך פאר שבת.

מוצאי שבת, האט דער בעש"ט הקדוש באפוילן אז מ'זאל איינשפאנען די פערד צום וואגן, און מ'האט זיך ארויסגעלאזט צום דארף פון וואו דער איד איז געקומען, אינאיינעם מיט רבי יעקב יוסף.

כדרכו בקודש, האט דער בעש"ט באפוילן דער בעל עגלה אפצולאזן די לייצעס פון זיינע הענט, ווען אויפאמאל האבן די פערד אנגעהויבן שמייסן א וועג, בשעת דער בעל עגלה האט געדרימלט אויף זיין זיץ, און ביז א קורצע צייט האבן זיי זיך געטראפן אין דארף.

גלייך ווי זיי זענען אהינגעקומען, האבן די תלמידים געהערט ביטערע געוויינען פון איינע פון די הייזער. א יונגע מיידל איז געלעגן אויף דער ערד, איבערגעדעקט מיט א ליילעך און ארומגענומען מיט ליכט, ווי דער מנהג ביי א נפטר רחמנא ליצלן.

דער בעש"ט הק' איז אריין אין הויז, געפרעגט די נאמען פון די קראנקע און איר מוטער, און איז אריין אין צימער וואו די מיידל איז געלעגן. א חרדת קודש האט איבערגענומען יעדן אין צימער, ווי נאר דער בעש"ט איז אריינגעקומען. דער בעש"ט האט זיך געשטעלט אין צימער און זיך אנגעלאנט אויף זיין שטעקן, און איז געבליבן פאר'דביקות'ט אפאר מינוט.

נאך אפאר מינוט, האט זיך דער בעש"ט געוואנדן צו די קראנקע און איר געזאגט, "שטעל זיך אויף, און גרייט אונז אן קארטאפל מיט בארשט לכבוד סעודת מלוה מלכה". דערביי איז דער בעש"ט ארויס צום גרעסערן צימער, וואו די איבריגע תלמידים און קרובי המשפחה האבן געווארט.

אפאר סעקונדעס זענען פארביי, און די מיידל שטעלט זיך אויף די פיס, און גייט גלייך אריין אין קאך כדי אנצוגרייטן א מלוה מלכה. א נס פון תחיית המתים האט זיך אפגעשפילט פאר זייערע אויגן.

אבער ווי געזאגט, אויך נאכן זען דעם נס האט רבי יעקב יוסף באשלאסן אז ס'איז געקומען די צייט אהיימצוגיין.

אפאר טעג פארן גיין, איז דער בעש"ט צוגעקומען צו אים. "קום מיט מיר אויף א שפאציר", האט דער בעש"ט געלאדנט דעם וואס איז שפעטער געווארן באקאנט אלס דער 'תולדות'.

די צוויי זענען ארויס צום וואלד און זיך געדרייט צווישן דיביימער. די זון האט אנגעהויבן אונטערגיין, און ס'איז געקומען די זמן פון מנחה. דער בעש"ט האט געקוקט אהין און אהער, ווען זיינע הייליגע אויגן זוכן א קוואל וואסער פון וואו ער קען וואשן זיינע הענט פארן דאווענען מנחה. אבער ס'האט זיך נישט אנגעזען קיין שום קוואל אויפן האריזאנט.

הייסע טרערן האבן אנגעהויבן רינען אויפן געזיכט פון בעש"ט הק'. ער האט זיך אנגעהויבן בעטן ביים אויבערשטן, אים צו שיקן וואסער אויף נטילת ידיים. דער בעש"ט האט זיך אויסגעלייגט אויפן ערד פון גרויס צער, און געשריגן פון טיפן הארצן: "רבונו של עולם, פארוואס דארף איך לעבן, אויב כ'וועל דארפן עובר זיין אויף דברי חז"ל חלילה".

דער תולדות איז געשטאנען אין זייט, און זיך געמאכט א חשבון. נטילת ידיים פארן דאווענען איז ניטאמאל א דאורייתא, און על פי הלכה איז ער פטור דערפון, ווייל ס'איז דא קלארע כללים ווען מ'איז מחויב נטילת ידיים און ווי ווייט מ'דארף גיין דערפאר. אבער דא האט ער געזען איינס פון די יסודות וואס דער בעש"ט האט אויסגעלערנט.

"לא יהיה בך א-ל זר", פלעגט דער בעש"ט זאגן, "דער באשעפער זאל נישט זיין פרעמד ביי דיר". א איד טאר נישט מאכן קיין חשבונות און 'האבן יוצא געווען', א איד האט נישט קיין טעם אין לעבן אויב ער קען נישט מקיים זיין דעם רצון ה'.

ענדע איז געווארן א נס מן השמים, און אויפאמאל האט זיי געזען א קוואל וואס איז געווארן ספעציעל באשאפן פארן בעש"ט, פון וואו ער האט זיך געוואשן זיינע הענט און זיך צוגעגרייט צום דאווענען.

"איר קענט זיך גרינגערהייט אויסוועלן א רבי, ס'איז אייך גענוג איין נסיעה צו מקבל מרות זיין פון אים", האט דער הייליגער תולדות שפעטער געזאגט פאר זיין אייניקל, איידעם פון זיין טאכטער, הרה"ק רבי אברהם דוב פון חמעלניק זי"ע, "אבער נישט אונז. כאטש מיר האבן געזען תחיית המתים מיט אונזערע אייגענע אויגן, ווי דער בעש"ט האט מחיה מתים געווען א אידישע טאכטער, האבן מיר נישט באשלאסן זיך צו מכניע זיין פאר אים. נאר ווען מיר האבן צוגעזען זיין מסירות נפש כפשוטו צו מקיים זיין א מצוה דרבנן, האבן מיר זיך מכניע געווען פאר אים".

**מקור: זכר קדשו**

# ישקני מנשיקות פיהו

## שבועות: 'אהבה שאינה תלויה בדבר' • פארוואס פארמאגט נישט דער יום טוב שבועות קיין שום ספעציעלע מצוה?

## שבועות דער שורש פון 'חיבור'

די תורה הק' רופט ימים טובים 'מועדים', אזויווי ס'שטייט "אלה **מועדי** ה'", "אלה הם **מועדי**", ווי אויך זאגן מיר ביים דאווענען "ותתן לנו ה' אלקינו באהבה **מועדים** לשמחה". די ספרים הק' זענען מבאר דעם ענין, אז 'מועדי' איז א לשון פון צוזאמענקום און חיבור, אזויווי ס'שטייט "ונועדתי אליך", מיינענדיג אז יעדער יו"ט איז א טאג וואס ס'איז דא א חיבור צווישן כלל ישראל מיט זייער טאטן אין הימל.

פונדעסטוועגן, שטייט חג השבועות העכער אלע אנדערע ימים טובים, זייענדיג דער שורש פון חיבור. דער אויבערשטער האט אונז דעמאלטס דערוועלט אלס זיין פאלק, און סיי וועלכע חיבור און קשר צווישן אידן מיטן אויבערשטן ווערט נמשך א דאנק דעם טאג. ווען נישט שבועות, וואלטן מיר נישט געווען אנדערש פון אלע גויים. אין דעם טאג האט אונז דער אויבערשטער אויסגעוועלט און אפגעשיידט פון די גויים, זיך באוויזן פאר אונז און מגלה געווען אור אלקותו; אונז געצייגט אז ס'איז נישטא קיינער אויסער אים און אונז געגעבן זיין הייליגע תורה.

דעריבער ווען ס'קומט שבועות, ווערט יעדע יאר נתעורר דער אינערליכער חיבור צווישן אונז מיטן אויבערשטן. אצינד לאמיר אביסל אויסברייטערן איבער דעם שורש'דיגער חיבור.

## שבועות האט נישט קיין ספעציעלע מצוה

מ'דארף זיך מתבונן זיין:

יעדער יום טוב האט זיך זיין אייגנארטיגע מצוה, וואס דורכדעם ווערט נתגלה די קדושת החג, און מ'איז זוכה צו די דביקות און מדריגות פון דעם יו"ט. דעריבער ווערן די ימים טובים אנגערופן על שם זייערע מצוות: 'חג המצות', 'חג הסוכות', 'יום תרועה' אא"וו. ווייל דורך די מצוה ברענגט זיך ארויס די קדושה פונעם יו"ט.

אזויווי מצות אום פסח, וואס אז 'זמן חירותינו', און מצה צייגט 'חירות' אזויווי ס'איז מבואר אין ספרים הק' און בפרט אין מהר"ל, און דורכ'ן עסן מצה איז מען קונה די מדריגה פון חירות, צו זיין העכער אלע גשמיות'דיגע מלבושים און נישט זיין משועבד דערצו. דעריבער ווערט דער יו"ט אנגערופן 'חג המצות' - א סימן אויפן קנין פון 'חירות'.

די זעלבע איז לגבי סוכות, ווען מיר זענען זוכה צו חוסה זיין תחת כנפי השכינה, וואס באשיצט אונז פון אלע כוחות הרע און מזיקים, און דורך קדושת הסוכה איז מען זוכה צו א שמירה עליונה, ווערט דער יו"ט אנגערופן 'חג הסוכות'. אזוי אויך ראש השנה ווען מיר זענען מהפך מידת הדין צו מידת הרחמים דורך קדושת השופר, הייסט עס 'יום תרועה'.

אבער חג השבועות האט נישט קיין שום ספעציעלע מצוה. פרעגט זיך די שאלה: וועלכע ענין ברענגט ארויס דעם יו"ט, און וויאזוי ברענגט זיך דער יו"ט ארויס ווען זי האט נישט קיין מצוה וואס זאל ממשיך זיין איר ענין?

## מצוה איז 'גילוי', שבועות איז 'עצם'

ס'איז מבואר אין ספרים הק', אז דאס אליינס צייגט די מעלה פון דעם יו"ט; אז זי איז דער שורש פון חיבור צווישן אידן מיטן טאטן אין הימל. אזויווי א בחור וואס איז א חתן ביי א גרויסער גביר, וואס ווי פארשטענדליך באקומט ער צוליב דעם א רייכע נדן און געשאנקען אד"ג, אבער דער עיקר קירבה איז די שידוך אליינס. די זעלבע איז מיט אלע מדריגות וואס מיר זענען זוכה אין יעדן יו"ט, אלעס איז 'צוליב' די קירבה וואס מ'האט זוכה געווען צו האבן מיטן אויבערשטן. אבער חג השבועות איז די צייט וואס מ'איז זוכה צו די עצם קירבה צום אויבערשטן; דער עצם שידוך.

די קדושה פון שבועות איז נישט די מדריגות צו וואס מיר זענען זוכה מצד אונזער דביקות צום אויבערשטן, נאר די דביקות זעלבסט. דעריבער האט נישט שבועות קיין ספעציעלע מצוה, ווייל א מצוה פרטית צייגט א מדריגה פרטית צו וואס מיר זענען זוכה מצד אונזער חיבור צום אויבערשטן, און נישט דער עצם חיבור. אבער שבועות פאסירט דער עצם חיבור צום אויבערשטן.

ס'איז באקאנט פון זוהר הק', אז די מצוות זענען **'אברים דמלכא'** כביכול, די רמ"ח מצוות עשה זענען אנטקעגן די רמ"ח אברים, און שס"ה לא תעשה איז אנטקעגן שס"ה גידים. ס'איז פשוט אבער, אז די אברים זענען נאר פארשידענע סארט המשכות און פרטית'דיגע גילויים וואס ברענגען ארויס דעם מענטשנ'ס כוחות און מעשים; אבער ס'ברענגט נישט ארויס דער מענטש אליינס. די זעלבע איז ביים נמשל; א מענטש איז מגלה די מדריגות פון אלוקות צו וואס ער איז זוכה מצד זיין דביקות בה' - דורך די מצוות. אבער זיי ברענגען נישט ארויס עצמיותו ית', ווייל 'עצמיות' איז נישט קיין פרט אדער סיי וועלכע גילוי.

דעריבער איז שבועות נישטא קיין מצוה פרטית אין 'מעשה', ווייל דער טאג ברענגט ארויס 'עצמיות קדושת ישראל' און נישט קיין אבר אדער המשכה פרטית. פארקערט, זי איז דער שורש פון אלע אברים און המשכות, און דווקא א דאנק קדושת היום ווערט נמשך אלע פרטים פון קדושת התורה און מצוות - אבער זי האט נישט קיין אייגענע מצוה, ווייל זי איז דער שורש פון אלעס.

## אהבה שאינה תלויה בדבר

צו קענען מער פארשטיין דעם ענין - וואס מיינט 'עצם החיבור' - דארף מען מקדים זיין:

חז"ל זאגן (אבות ה יט) **"כל אהבה התלויה בדבר, בטל דבר בטלה אהבה, ושאינה תלויה בדבר, אינה בטלה לעולם"**. דאס הייסט, אז ס'איז באמת נישט קיין אהבה וואס איז תלוי אין עפעס א זאך, נאר 'אהבה עצמית'. ווייל ווען ס'איז דא א סיבה אין וואס די אהבה ווענדט זיך, קומט אויס אז זיי זענען נישט בעצם מחובר, ס'איז נאר דא א זייטיגע סיבה וואס איז זיי מקשר און דעריבער, ווי נאר די סיבה איז אויס - איז אויס אהבה.

די נקודה איז, אז אמת'ע אהבה קען נישט זיין באזירט אויף א גילוי אדער א געוויסע פרט פון דער ווען מ'האט ליב, נאר דווקא זיין 'עצמיות'. און כאטש אז צוויי מענטשן וואס האבן זיך ליב, פירן זיך צו געבן איינער פארן צווייטן און זענען מגלה פארשידענע עפנטליכע אהבה צווישן זיך, פונדעסטוועגן, אלע טובות און גילויים זענען נאר א 'תוצאה' פון די אהבה, און נישט די אהבה אליינס. אהבה אליינס איז עצם, און נישט קיין גילוי. ווילאנג די גאנצע קשר צווישן זיי איז נאר צוליב א געוויסע תועלת און טובה - הייסט עס נישט באמת אהבה, און ס'איז טאקע סופו ליבטל.

טיפער גערעדט, די 'דבר' וואס די אהבה איז תלוי דערויף איז ווי א מחיצה צווישן די צוויי מענטשן, און לאזט נישט צו קיין 'חיבור עצמי'. 'אהבה' באטרעפט 'אחד', ווייל אהבה באדייט מאחד זיין צוויי אויף איינס. און דא איז דאך יעדער מחובר בלויז צו עפעס זייטיג אין וואס די אהבה ווענדט זיך, און דאס לאזט נישט צו קיין אמת'ע 'עצמיות'דיגע' אהבה.

דעריבער, כאטש בחיצוניות זעט עס אויס ווי גלייך די זאך איז זיי מקשר, איז אין אמת'ן אריין דאס אליינס א מסך המבדיל צווישן זיי וואס ערלויבט נישט קיין אמת'ע חיבור.

## 'חיבור עצמי' פון וואו אלע השפעות ווערן נמשך

אצינד איז מער מבואר די קדושה פון שבועות, ווי אויך דאס אז זי האט נישט קיין שום ספעציעלע מצוה מעשית און ספעציעלע השפעה. ווייל אין דער הייליגער טאג, זענען מיר זוכה צו דעם עצם החיבור צווישן ישראל לאביהם שבשמים, און אט דער חיבור קען נישט קומען פון קיין שום זייטיגע סיבה, ווי אויך נישט אין קיין שום מדריגה צו וואס מ'איז זוכה אזויווי אום פסח און סוכות.

ווייל למשל, אויב דער חיבור איז מצד 'חירות', אפילו א רוחניות'דיגע חירות העכער אלע גשמיות'דיגע לבושים צו וואס מיר זענען זוכה אום חג המצות, איז ווידער דא א פגם אין דעם חיבור ח"ו, ווי אן אהבה התלויה בדבר, וואס דאס אליינס שאפט א פירוד צווישן אונז און אונזער טאטן אין הימל ח"ו.

דעריבער אין דעם הייליגן יו"ט ווען מיר זענען געווארן אויסגעקליבן פארן עם הנבחר, און מיר זענען זוכה צו דביקות און חיבור צום אויבערשטן - ווערט נישט נשפע קיין שום ספעציעלע מדריגה, צו צייגן אז אונזער חיבור איז א אמת'ער חיבור, א חיבור עצמי אן קיין סיבה און קיין שום מחיצה המבדלת, קיין שום אהבה שאינה תלויה בדבר.

אבער פונדעסטוועגן, אלע מדריגות און אלע ספעציעלע השפעות צו וואס מיר זענען זוכה אין אלע אנדערע ימים טובים - איז א 'פועל יוצא' פון די קדושה פון דעם טאג. ווייל ווי נאר ס'איז דא אן אמת'ע אהבה און חיבור, איז זיכער דא טובות צווישן די צוויי. אזויווי צוויי אמת'ע חברים וואס טוען אסאך טובות צווישן זיך, און די טובות זענען א תוצאה פון אהבה; נישט קיין סיבה דערצו. און נאך מער; דווקא ווען ס'איז אמת'ע חברים אין א דרגה פון אהבה שאינה תלויה בדבר, טוען זיך אויך זייערע טובות אייביג האלטן.

קומט אויס אז די קדושה פון שבועות וואס איז די אמת'ע גלאטע אהבה, דאס איז די סיבה וואס איז ממשיך די קדושה און מדריגות ביי אלע אנדערע ימים טובים. דער יו"ט איז דער שורש פון אלעס, און אלעס ווערט נמשך פון איר.

דער קדושת לוי שרייבט (דרוש לשבועות ד"ה כל הימים), אז צוליב דעם דארפן אלע ימים טובים האבן א רמז אין חג השבועות, וויבאלד זי איז כולל אלעס אין זיך. זעה בדברי קדשו ווי ער איז מרמז בפרטיות יעדן יו"ט, וויאזוי ס'איז שייך צו חג השבועות.

## 'ישקני' - חיבור עצמי

דעריבער איז דער פסוק מגדיר דעם ענין פון חג השבועות **'ישקני מנשיקות פיהו'**, וואס גייט ארויף אויף מתן תורה, אזויווי ס'שטייט אין רש"י. ווייל די אויבנדערמאנטע מדריגה - עצם החיבור מיטן אויבערשטן - איז א בחינה פון נשיקה, וואס איז א לשון פון 'השקה', וואס מיינט חיבור עצמי, אן קיין מסך המבדיל. וואס דאס איז דווקא דורך א חיבור אן קיין שום זייטיגע סיבה.

ווי באקאנט פון בעל התניא זי"ע: "עמך לא חפצתי", אלעס וואס איז א בחינה פון 'עמך', וואס איז א 'טפל' צום אויבערשטן - וויל איך נישט. ווי ער האט זיך געקאכט: "כ'וויל גארניט, כ'וויל ניט דיין גן עדן, ניט דיין עולם הבא, כ'וויל נאר דיר אליינס" - עצמותו ית'.

## כתר!

דערמיט קענען מיר א משהו פארשטיין די סודות פון קדושת חג השבועות וואס דער אריז"ל האט מגלה געווען, אז כלל ישראל זענען זוכה צו ממשיך זיין מידת הכתר, וואס 'כתר' מיינט עצם החיבור צום אויבערשטן.

דער ענין דערפון איז, ווייל יעדע השפעה און הנהגה וואס דער אויבערשטער פירט זיין וועלט איז מיט די ספירות הקדושות, אזויווי ס'שטייט אין תיקוני זוהר **"אַנְתְּ הוּא דְאַפֵּיקַת עֲשַׂר תִּקּוּנִים, וְקָרֵינָן לְהוֹן עֲשַׂר סְפִירָן, לְאַנְהָגָא בְּהוֹן עָלְמִין סְתִימִין דְּלָא אִתְגַּלְיָין וְעָלְמִין דְּאִתְגַּלְיָין"**.

דער עיקר גילוי השפעה איז פון ספירת החכמה און ווייטער, וואס פון דארט באקומט יעדע שפע א געוויסע הגדרה און 'קאליר', און דערויף שטייט **"כולם בחכמה עשית"**, ווייל ספירת החכמה איז די התחלה פון מציאות הבריאה, און דערפאר איז חכמה א מדריגה וואס 'האט עפעס אין זיך'. ווידעראום ווען די שפע איז אין ספירת הכתר, איז נישטא 'גארנישט'. ווייל כתר צייגט אונזער עצם החיבור צום אויבערשטן, און נישט די שפע וואס ווערט נשפע מאתו ית'.

אלזא, ווי גרויס און הייליג איז דער טאג, ווען מיר גייען ארויס פון אלע מלבושי המידות, און ס'ווערט נתגלה עצם קדושת ישראל. מיר ווילן גארנישט אויסער עצמותו ית', אין א בחינה פון 'ישקני מנשיקות פיהו', אהבה שאינה תלויה בדבר, אהבה עצמית, אן קיין לבוש און קאליר, א בחינה פון 'כתר'. און דערפאר, 'כתר יתנו לך ה' אלקינו', און לאמיר אלע שרייען "עמך" לא חפצתי, נאר דיר אליינס!

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483